# דברים ד

א. אויפן פסוק[1] „ה' אלקי אבותיכם יוסף עליכם ככם אלף פעמים ויברך אתכם כאשר דיבר לכם" שטייט אין מדרש[2]: „א"ל ישראל, רבינו משה הקב"ה לא נתן קצבה לברכותינו ואתה אמרת אלף פעמים, א"ל מה שברכתי אתכם משלי ברכתי, כשיבוא הקב"ה יברך אתכם כאשר דיבר לכם" (— א ברכה וואס האט ניט קיין קצבה).

איז ידוע[3] די קושיא אין דעם: וויבאלד דער אויבערשטער בענטשט מיט זיין ברכה וואס האט ניט קיין קצבה, וואס גיט דאן צו די ברכה פון משה „יוסף גו' אלף פעמים" — ס'איז דאך נכלל ובטל וכו', מכל שכן וק"ו פון יש בכלל מאתים מנה*[3]?

מפרשים[4] ענטפערן, אז דער אויפטו פון ברכת משה איז אין דעם, וואס ברכת הקב"ה איז נאר דאן ווען אידן זיינען מקיים תומ"צ, משא"כ ברכת משה איז ניט תלוי אין קיין תנאי.

און דאס איז מתאים[5] מיט דעם וואס די גמרא[6] זאגט אויפן פסוק[7] „והי' מספר בנ"י גו' אשר לא ימד ולא יספר": „כאן בזמן שישראל עושין רצונו של מקום כאן בזמן שאין עושין רצונו של מקום". ד.ה. אז א ברכה בקצבה („מספר") איז דא אפילו בזמן שאין עושין רצונו של מקום, אבער די ברכה פון הקב"ה וואס איז בלי קצבה („לא יספר") איז שייך נאר בזמן שישראל עושין רצונו של מקום.

[אדער באופן אחר[8]: ברכת משה איז בזמן הזה, און ברכת הקב"ה וועט זיין לעתיד לבוא. וואס דאס איז בהתאם[9] מיט דעם וואס שטייט אין מדרש[10] אז „בעוה"ז יש להם מספר . . אבל לעת"ל בנ"י כחול הים אשר לא ימד ולא יספר"].

אבער פון לשון המדרש דא, בפרשתנו, איז משמע, אז דער חילוק צווישן די צוויי ברכות באשטייט בלויז אין דעם, וואס איינע איז „משלי" און די צווייטע משל „הקב"ה" — אבער ביידע זיינען פאראן אין דעם זעלבן זמן. ד.ה. אז אויך ווען עס איז דא ברכת הקב"ה שאין לה קצבה, איז פאראן ארט פארן אויפטו פון ברכת משה שיש לה קצבה.

נאכמער — אזוי איז מוכרח פון סתימת פרש"י דא, וואס בריינגט לשון המדרש אן קיין[11] הוספת ביאור אין דעם, און דערפון איז אויך פארשטאנדיק אז דאס איז פשוטו של מקרא,

און דאס איז אויך מתאים מיטן פשוטו של המקרא „והי' מספר בנ"י גו' אשר לא

1) פרשתנו א, יא.

2) דב"ר פ"א, יג. ועד"ז בתיב"ע עה"פ. ספרי עה"פ, ולבהעלותך י, לו. פרש"י עה"פ.

3) ראה מפרשי רש"י, ספרי ודב"ר שם. סידור של"ה (ב„ויתן לך". נעתק בענף יוסף לדב"ר שם). ועוד. וראה שיחה שלפנ"ז.

*3) ב"ק עד, א.

4) גו"א, לבוש, באר מים חיים, דבק טוב ועוד וראה ספרי דבי רב לספרי כאן. ועוד.

5) ספרי דבי רב כאן. וראה עץ יוסף לדב"ר שם.

6) יומא כב, ב.

7) הושע ב, א.

8) חידושי ופי' מהרי"ק ומשכיל לדוד כאן. פי' מהרז"ו לדב"ר כאן. וראה נח"י הובא בשפ"ח כאן.

9) משכיל לדוד כאן.

10) במדב"ר פ"ב, יד.

11) דלתירוץ מפרשי רש"י הנ"ל — אין, לכאורה, כל רמז בפרש"י. — אבל ראה לקמן ס"י.

ימד ולא יספר", וואס דער פשט איז, אז עס רעדט זיך דא ניט וועגן באזונדערע זמנים, נאר אז עס וועט זיין „מספר בנ"י" אין דעם זעלבן זמן וועו ס'וועט מקויים ווערן די ברכה פון „לא ימד ולא יספר".

ב. ע"ד ענין הנ"ל, אז די ברכה מוגבלת פון משה רבינו ווערט ניט בטל לגבי ברכת הקב"ה, געפינט מען אויך אין דער ברכה „ה' גו' יוסף עליכם גו'" גופא — לויט ווי דער מדרש[12] טייטשט עס אפ: „יוסף עליכם ככם כו' למה ברכן בלשון תוספת שתוספתו של הקב"ה יתירה מן[13] העיקר" (און ברענגט אויף דערויף כמה דוגמאות):

וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק: וויבאלד די „תוספת" ברכה של הקב"ה איז „יתירה מן העיקר", הייסט פארוואס רופט אן תורת אמת די פריערדיקע ברכה „עיקר" (לגבי דער „תוספת") — לכאורה, זייענדיק ווינציקער פון דער „תוספת" של הקב"ה ווערט דאס נאכדעם אן ענין פון טפל און ניט עיקר?

איז דערפון גופא די הוכחה, אז כאטש „תוספתו של הקב"ה" איז „יתירה מן העיקר", ווערט אבער דאס פריערדיקע ניט בטל, און נאכמער: עס ווערט אנגערופן „עיקר" לגבי תוספתו של הקב"ה.

ג. וועט מען דאס פארשטיין בהקדים א תוספת ביאור אין דעם אויבנ־דערמאנטן מאמר חז"ל אז „כאן („לא ימד ולא יספר") בזמן שישראל עושין רש"מ כאן („מספר") בזמן שאין עושין רצונו של מקום":

א ברכה בכלל קומט דאך דוקא דורך דער עבודה פון אידן; און במילא איז פארשטאנדיק, אז אויך די ברכה מוגבלת פון „והי' מספר גו'" (בדוגמת ברכת משה „יוסף גו' אלף פעמים") איז פאר־בונדן מיט עבודת בנ"י[14] — נאר דאס איז אן עבודה וואס אין איר פעלט שלימות — ביז אז די עובדים ווערן אנגערופן „אין עושין רצונו של מקום" — בדוגמת קין וואס האט געבראכט מנחה להוי' ואדרבה — ער איז געווען דער ערשטער צו ברייענגען און ערשט דערנאך „והבל הביא גם הוא"[15], עס איז אבער געווען „מן הגרוע". עד"ז — כאטש למעלה מקרבן קין, כמובן — איז יעדער עבודה מוגבלת, וויבאלד זי איז במדה ובמספר איז מען דורך איר ניט (עושה ו)ממשיך רצונו של מקום וואס איז העכער פון גבול[16].

ביז אז מיר געפינען די צוויי ענינים — „מספר" און „לא ימד ולא יספר" אין נאך א העכערער דרגא: דער אלטער רבי[17] איז מבאר, אין עבודת ה' בשלימותה — „מספר" מיינט די עבודה פון קיום המצות, וועלכע זיינען געגעבן געווארן „במספר תרי"ג כו'" און „לא תוסיפו ולא תגרעו"[18] [און אזוי האט אויך יעדע מצוה איר שיעור והגבלה[19]] — אן עבודה מוגבלת, און „לא ימד ולא

---

12) דב"ר כאן. וראה ב"ר פס"א, ד.

13) בב"ר שם (ועד"ז מסיים בדב"ר כאן): על העיקר. החילוק בין „מן" ו„על" נתבאר בלקו"ש ח"ה ע' 423 הערה 10. ע' 428 הערה 13.

14) ראה גם ספרי דבי רב כאן.

15) בראשית ד, ג־ד ובפרש"י. ובפרט לתיב"ע שהביא ביכוריא.

16) ע"ד פי' הידוע (חדא"ג מהרש"א ברכות לה, ב. וראה לקו"ש חי"ב ע' 9־98. וש"נ) במרז"ל דפרשה שני' דק"ש הוא „בזמן שאין ישראל עושין רש"מ", כי לא נאמר בה „בכל מאדך".

17) לקו"ת במדבר ד"ה והי' מספר בנ"י (ו, סע"א ואילך. ז, ג ואילך).

18) ואתחנן ד, ב. ראה יג, א. וראה בארוכה לקו"ש חט"ו ע' 138 הערה 8.

19) ראה אגה"ק ס"י. ובכ"מ.

יספר" איז עבודת התשובה — אַן עבודה וואָס איז העכער פון השתלשלות און הגבלה[20].

ד. ווי גערעדט פריער, איז דער פשוט'ער פירוש פון „והי' מספר גו' אשר לא ימד ולא יספר", אַז (דאָס זיינען ניט קיין צוויי באַזונדערע ענינים, נאָר) דער מספר אַליין איז אין אַן אופן פון „לא ימד ולא יספר";

און דערפון איז פאַרשטאַנדיק אויך בנוגע צו „מספר" און „לא יספר" אין עבודת ה', אַז אויך דער ענין פון „מספר" איז פאַרבונדן מיטן עילוי פון „לא יספר": כאָטש מצות זיינען במספר ובהגבלה, איז מען דורך זיי אויך „עושין רצונו של מקום" — ממשיך דעם רצון העליון וואָס איז העכער פון גבול — „לא יספר"[21].

[און דער אונטערשייד צווישן די צוויי סוגי עבודה איז אין דעם, וואָס אין מצוות איז די המשכת הבלי גבול ניט מאיר בגילוי, וויבאַלד די עבודה בגילוי איז ניט אין אַן ענין פון למעלה מהגבלה; משא"כ עבוה"ת התשובה, וואָס איז בגילוי (מצד דעם אדם העובד) אַן עבודה שלמעלה מהגבלה, איז דאָרט בגילוי דער ענין פון „לא ימד ולא יספר"[22]].

דער ביאור אין דעם: מצות זיינען רצונו של הקב"ה, און פונקט ווי דער אויבערשטער איז בלי גבול, אַזוי איז אויך רצונו — בלי גבול. און דערפאַר ווערט דורך מצות נמשך רצונו ית' וואָס איז בלי גבול („לא יספר");

און דאָס וואָס די מצות זיינען במדידה והגבלה, איז עס ניט קיין מדידה „מבחוץ" אין דעם אור אלקי וואָס ווערט נמשך דורך מצות, נאָר דער אויבער־שטער האָט זיך אַליין כביכול מודד געווען, אַז די המשכת הרצון האין סופי זאָל נמשך ווערן דוקא ווען מען טוט די און די פעולה מוגבלת. און נאָכמער — ער זאָל ווערן אין אַן אופן (מדידה) אַז די פעולה זאָל עס קענען אויפנעמען, כלי ואור. — וויבאַלד דאָס איז ניט קיין מדידה פון אַ דבר שחוץ ממנו ח"ו, נאָר וואָס א"ס ב"ה איז זיך אַליין מודד ומגביל (בלשון החסידות: מדידה והגבלה עצמית), איז דאָס באמת ניט קיין הגבלה[23].

[לאידך — מוז מען האָבן די הגבלה, וואָרום די וועלט איז דאָך אַ מציאות מוגבלת, וואָס קען ניט מקבל זיין דעם אור אלקי הבלי גבול, ווייל דאַן וואָלט זי בטל געוואָרן; און וויבאַלד די עבודה פון תומ"צ איז פאַרבונדן מיט דער מציאות פון וועלט, מוז דעריבער זיין די מדידה והגבלה אין מצות].

און דאָס מיינט „והי' מספר גו' אשר לא ימד ולא יספר", אַז דער „מספר" פון מצות איז ניט קיין אמת'ע מדידה, ווייל ס'ווערט נמשך אין זיי און דורך זיי דער בל"ג פון „לא יספר".

ה. מען דאַרף אָבער פאַרשטיין: וויבאַלד אַז דער תכלית פון מצות איז צו

---

20) וראה לקו"ת שם (ו, ב) שמציין ל„גמרא רפ"ב דיומא דכ"ב ע"ב".

21) ראה לקו"ת בלק ד"ה מי מנה וביאורו (סח, א. ע, א). סד"ה מי מדד תרס"ב. ד"ה מעין גנים תש"ב פ"א.

22) ויש לתווך גם זה עם הנ"ל ממדרש דלא יספר הוא לעת"ל, כי אז יהי' עיקר ענין התשובה. וראה לקו"ת במדבר שם (ו, ג. ז, ד). הגהות הצ"צ לשם (אוה"ת במדבר ע' סב ואילך).

23) ראה בכ"ז ד"ה והוא כחתן תרג"ז פ"ה ואילך. ד"ה וירד ה' תרס"ב. המשך תרס"ו ע' נב ואילך. ועוד.

ממשיך זיין דעם אור אלקי וואס האט ניט קיין גבול, היינט למה עשה ה׳ כזאת, אז די עבודה זאל זיין פארבונדן דוקא מיט א וועלט וואס קען ניט פארנעמען דעם אור, און עס זאל דארפן זיין די מדידות פון מצות בכדי אראפצוטראגן דעם רצון הבלי גבול אין אן עולם מוגבל?

איז דער ביאור אין דעם: דאס וואס מצות זיינען געגעבן געווארן למטה ובהגבלה, איז עס ניט מצד דעם וואס זיי מוזן נמשך ווערן למטה און דער מטה האט דעם חסרון פון הגבלה — אנדערש קען מען דא ניט אויפנעמען דעם אור הבלי גבול סיידן דורך זיין התלבשות אין דער מדידה והגבלה פון מצות — נאר ווייל דער תכלית העילוי איז (ניט אין דעם בלי גבול פון „לא יספר" פאר זיך, נאר) דער חיבור פון גבול און בלי גבול, אז „מספר" גופא זאל נתעלה ווערן אין „לא ימד ולא יספר"; דוקא אין דעם דריקט זיך אויס דער כח העצמות וואס איז העכער סיי פון גבול און סיי פון בלי גבול[24].

און דעריבער קען דאס זיין נאר דורך דער מדידה עצמית פון עצמות א״ס ב״ה: מצד אורות וגילויים זיינען בל״ג און גבול צוויי באזונדערע ענינים[25]; דוקא דורך דער מדידה פון עצמות א״ס ב״ה, קען זיין דער חיבור פון גבול און בל״ג — ע״ד „מקום ארון אינו מן המדה"[26]: דער מקום הארון מוז ע״פ תורה האבן א מדידה — „אמתיים וחצי ארכו גו'"[27] — און דער מקום איז „אינו מן המדה".

און דאס איז אויך וואס ברכת משה ווערט ניט בטל אויך נאך דעם ווען דער אויבערשטער בענטשט אידן מיט א ברכה שאין לה קצבה — ווייל דער תכלית הכוונה איז ניט אז עס זאל בטל ווערן דער ענין פון גבול, נאר אדרבה, עס זאל זיין דער חיבור פון גבול און בל״ג;

און דעריבער איז דא סיי ברכת משה „יוסף גו' אלף פעמים", וואס טוט אויף אז די בריאה (מדידה) זאל זיין בתכלית השלימות ביז אז עס ווערט ריבוי פון „אלף פעמים"[28]; און דערנאך — כשיבוא הקב״ה — איז אין דעם גופא ווערט נמשך ברכתו של הקב״ה שאין לה קצבה, עס ווערט (ניט נאר א ריבוי וויפל עס קען זיין מצד גדרי הבריאה, נאר) א ריבוי שאין לו קצבה.

ו. דערמיט קען מען מבאר זיין דאס וואס כ״ק מו״ח אדמו״ר האט געזאגט, אז זיין פאטער כ״ק אדמו״ר (מוהרש״ב) נ״ע פלעגט לפעמים רבות מוסיף זיין אין לשון המדרש[29] „נתאווה הקב״ה להיות לו דירה בתחתונים" דעם ווארט „יתברך" („להיות לו ית' דירה בתחתונים").

דלכאורה צריך ביאור: אמת טאקע אז ווען מען דערמאנט דעם אויבערשטנס נאמען דארף מען אים משבח זיין[29*], אבער מ'געפינט ניט אז ביים איבערזאגן א לשון פון מאמרי חז״ל וואו עס ווערט דערמאנט דעם אויבערשטנס נאמען, זאלן כ״ק רבותינו נשיאינו צולייגן דעם ווארט „יתברך" וכיו״ב?

---

24) ראה בכ״ז ד״ה מעין גנים שם.

25) ראה גם לקו״ש ח״ט ע' 29. ועוד.

26) יומא כא, א. וש״נ.

27) תרומה כה, י.

28) להעיר מפרש״י ש״ב כד, ג.

29) כן הובא בתניא פל״ו. ראה תנחומא נשא טז. שם בחקותי ג. במדב״ר פי״ג, ו.

29*) וראה יומא לז, א (הובא בפרש״י עה״ת האזינו לב, ג).

מוז מען זאגן, אז עס איז דא א קשר ושייכות מיוחדת צווישן דעם ענין פון „יתברך" מיט'ן ענין פון „נתאווה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים".

וי"ל דעם ביאור אין דעם: דער ענין פון „דירה בתחתונים" איז כוללביידע קצוות — „דירה" איז א לשון וואס ווייזט אז דא ווערט נמשך עצמותו ומהותו ית' הבלתי בעל גבול (ע"ד א דירה למטה וואו עס געפינט זיך דער אדם בכל עצמותו)[30], „בתחתונים" מיינט עוה"ז „התחתון כו' שאין תחתון למטה ממנו"[31] — תכלית הגבול. און „דירה" — דער חיבור פון בל"ג און גבול[32].

ווי קענען תחתונים מוגבלים ווערן א דירה לו — צו עצמותו ית' הבלתי בע"ג — און דאך בלייבן במציאותם? איז דער ביאור אין דעם — די הוספה פון כ"ק אדמו"ר (מוהרש"ב) נ"ע — „יתברך": דער ענין פון „דירה לו" ווערט מוסבר דורך'ן תוכן הענין פון יתברך, ברכה[33].

ז. והביאור: דער חילוק צווישן ברכה און תפילה איז[34] — ברכה איז ממשיך דאס וואס עס איז דא אין שורש און מקור, משא"כ תפלה טוט אויף א רצון חדש — „יהי רצון" — א נייעם ענין, וואס איז ניטא אין שורש ומקור.

דאס איז אבער נאר בנוגע ברכת בשר ודם. משא"כ בנוגע ברכת הקב"ה, וויבאלד דער אויבערשטער איז דאך ניט געבונדן ח"ו מיט די מדידות והגבלות פון שורש הנברא המתברך, האט זיין ברכה אויך די מעלה פון תפילה: זי קען אויך אויפטאן א נייעם ענין, וואס איז העכער פונעם שורש ומקור הנברא.

ד.ה. אז אין ברכת הקב"ה זיינען דא ביידע קצוות: זי „דערלאנגט" העכער פון שורש ומקור הנברא, העכער פון השתלשלות, און ברענגט דאס אראפ, ברכה והמשכה (מלמעלה למטה), אז פון העכער פון השתלשלות ווערט נמשך צום נברא אין השתלשלות.

און דאס איז דער ביאור אין דער הוספה „נתאווה הקב"ה להיות לו יתברך דירה בתחתונים": דאס וואס „תחתונים" קענען ווערן א דירה לו — לעצמותו, ווערט מוסבר דורך דעם ענין פון ברכתו של הקב"ה, וואס טוט אויף „יתברך", זי איז ממשיך פון למעלה פון סדר השתלשלות אין סדר השתלשלות[35].

ח. עס בלייבט נאך אלץ ניט פארשטאנדיק: וויבאלד דער חיבור פון גבול און בל"ג איז נאר בכחו של הקב"ה (וואס איז העכער פון זיי ביידע) — פארוואס איז דאס פארבונדן מיט דער עבודה פון א נברא, וואס, לכאורה, זייענדיק אן עבודה מוגבלת האט זי (מצד עצמה) דעם כח צו ממשיך זיין נאר אן אור מוגבל?

איז דער ביאור אין דעם (ווי גערעדט כמה פעמים[36]): דעם אויבערשטנ'ס רצון

30) אוה"ת בלק ר"ע תתקצז. ד"ה וירד שם בתחילתו. המשך תרס"ו בתחילתו (ס"ע ג). ועוד.

31) תניא פל"ו.

32) ראה ד"ה מעין גנים שם. וראה אוה"ת ויצא (כרך ה') תתנה, סע"א.

33) ועייג"כ תו"א שמות נג, ג ואילך. אוה"ת שמות (ע' פא ואילך).

34) ראה בארוכה לקו"ש ח"ה ע' 423. 427. ח"י ס"ע 37 ואילך. וש"נ. וראה ג"כ אוה"ת שם ס"ע פג ואילך.

35) בתו"א ואוה"ת שם, שזהו"ע חייב אדם לברך כו', שהאדם ממשיך בחי' סובב מההעלם אל הגילוי, מבחי' סוכ"ע בממכ"ע — אבל ראה אוה"ת שם (ר"ע פד) שזהו כשהאדם הוא „בבחי' עבדי ה'". והוא ע"ד ברכת כהנים שמברכים בשליחותו של הקב"ה.

36) ראה לקו"ש ח"ד ע' 1132 ואילך. חי"ב ע' 73 ס"ה ואילך. ועוד.

איז, אַז די גילויים שלמעלה זאָלן ניט קומען אין אַן אופן פון „נהמא דכסופא"[37]; און דערפאַר זיינען אַלע המשכות, אויך די וואָס זיינען העכער פון גדר הנבראים, פאַרבונדן און תלוי אין עבודת האדם.

און דעריבער, הגם אַז דער „דירה לו ית' בתחתונים" קומט מלמעלה בדרך מתנה, מוז אָבער זיין דער „עביד לי' נייחא לנפשי"[38] פון דעם נותן המתנה, און דוקא דעמאָלט „יהיב לי' מתנתא". ד.ה. פריער דאַרף זיין די שלימות העבודה מצד די נבראים, און ערשט דעמאָלט ווערט צו זיי נמשך פון למעלה משורש הנבראים[39].

וואָס דאָס איז אויך די הסברה אין דעם ענין פון ברכת כהנים, וואָס זיי בענטשן אידן בשליחותו של הקב"ה — אַ ברכה וואָס איז העכער פון השתל־שלות[40]. דלכאורה: וויבאַלד דער אויבערשטער וויל בענטשן אידן, איז פאַר־וואָס דאַרף עס זיין דורך די כהנים, אַז זיי זאָלן בענטשן אידן בכחו של הקב"ה — דער אויבערשטער אַליין קען דאָך זיי בענטשן?

נאָר דער ענין איז כנ"ל: די כוונה העליונה איז, אַז אויך די ברכות והמשכות וואָס זיינען העכער פון השתלשלות, דאַרפן נמשך ווערן דורך עבודת האדם, דורך די „תחתונים".

ט. עפ"ז איז מובן, אַז כאָטש מ'האָט ברכתו של הקב"ה, איז אָבער דורך ברכתו של משה וואָס עס ברייננגט שלימות הנבראים, ווערט אויך די שלימות כביכול אין ברכתו של הקב"ה שאין לה קצבה (ניט נהמא דכסופא וכיו"ב).

און דאָס איז אויך דער דיוק הלשון „תוספתו של הקב"ה יתירה מן העיקר": וויבאַלד די „תחתונים" זיינען עס ממשיך „תוספתו של הקב"ה" דורך זייער עבודה, דעריבער ווערן זיי און זייער ברכה אָנגערופן „עיקר", ווייל זיי זיינען דער „עיקר" און סיבה עס זאָל נמשך ווערן „תוספתו של הקב"ה"[41].

יוד. כהנ"ל — איז אויך די „ענינים מופלאים" וואָס אין פרש"י, וואָס ברייננגט תוכן הספרי והמדרש האמור. וואָס איז פשוטו של פרש"י (ע"פ פשוטו של מקרא)[41*]?

רש"י זאָגט[42] אַז ברכתו של הקב"ה דאָ — מיינט מען די הבטחה „אשר אם יוכל איש למנות וגו'"[43] — דערמיט פאַרבינדט ער עס מיט „מי מנה" דוקא, וואָס ווען איז דאָס — כפרש"י „כתרגומו" וואָס זמנו איז ווען „עתידין דיחסנון עלמא"[44] — לעתיד לבוא.

(משיחות ש"פ וישלח תשכ"ט)

37) ראה ירושלמי (ערלה פ"א ה"ג): דאכיל מן חברי' בהית (בוש) מסתכל בי' (וראה לקו"ת צו ז, רע"ד). להעיר ממ"מ להב"י בראשית מהדו"ק ד"ה אור ליה"ש יד לטבת.

38) כן הובא בב"מ (המשך וככה פס"ח. המשך תרס"ו ע' קלא. ועוד). וראה מגילה כו, ב. גיטין נ, ב. ב"ב קנו, א.

39) וראה בארוכה לקו"ש הנ"ל, שגם הגילויים שלמעלה מגדר הנבראים נמשכים ע"י עבודת האדם גופא, עיי"ש בארוכה.

40) ראה בארוכה לקו"ש ח"ה וח"י (הנסמן בהערה 34). וש"נ.

41) ראה גם לקו"ש הנסמן בהערה 13.

41*) ראה בארוכה יותר — שיחה שלפנ"ז.

42) משא"כ בספרי.

43) בראשית יג, טז.

44) בלק כג, יוד. שם, ט.

# דברים ה *

א. בנוגע דעם איסור פון בישולי נכרים — וואס מ'לערנט אפי[1] (בדרך „אסמכתא"[2]) פון פסוק[3] „אוכל בכסף תשברני ואכלתי ומים בכסף תתן לי ושתיתי" („מה מים שלא נשתנו כו' ע"י האור אף אוכל כו'") — איז דא א פלוגתא צווישן פוסקים, צי די כלים וואס האבן בולע געווען אין זיך פליטת בישולי נכרים ווערן אויך אסור, אדער ניט.

עס זיינען דא פוסקים וואס האלטן[4], אז וויבאלד דער איסור פון בישולי נכרים איז „משום חתנות"[5] (ווייל דאס קען ברענגען צו חיתון מיט א נכרית), האט מען ניט גע'אסר'ט זייער „פליטה", ווארום „בהא ליכא ודאי משום חתנות"[6]; אבער דעת רוב הפוסקים[7] איז, אז אויך די כלים זיינען אסור, „דכל שאסרוהו חכמים פליטתו כמוהו"[8].

ויש לומר, אז דאס איז ע"ד ווי נסרים שרחבן ארבעה וואס זיינען פסול לסכך, וואס דער דין[9] איז אז אפילו „הפכן על צידיהן" („שאין בהן ארבעה"[10]) זיינען זיי פסול, ווייל „כיון דיש שם פסול עליהן", ווערן זיי פסול „בכל ענין"[11]; און ווי דער ראגאטשאווער[12] איז מסביר, אז דאס איז ווייל א זאך וואס איז אסור מצד א גזירה צוליב אן אנדער זאך וועלכע איז אסור (תקרה) ווערט די זאך „כמו עצם האיסור" (ניט נאר ווען ס'איז דא דער „טעם האיסור") — ועד"ז בעניננו, אז אע"פ אז דער טעם האיסור פון בישולי נכרים איז „משום חתנות", ווערט עס אבער „כמו עצם האיסור", ובמילא בלייבט דער איסור אויך ווען עס איז ניטא דער טעם, חשש חתנות.

ב. ויש לומר א מקור צו דער דיעה פון די רוב הפוסקים — פון דעם סיפור וואס ווערט געבראכט אין סיום מס' עבודה זרה בקשר צום דין ווי מ'דארף כשר'ן א סכין פון גיעולי נכרים „לאכול בה צונן"[13] — און אויב מ'וועט לערנען

*) וסיום מס' עבודה זרה.

1) ע"ז לז, סע"ב.

2) שם לח, רע"א. ולהעיר מר"ן שם „דומיא דקרא בעינן", ע"ש.

3) פרשתנו ב, כח. — ובירושלמי ע"ז (פ"ב ה"ח. שבת פ"א ה"ד) למדו זה מהפסוק שלפנ"ז (פרשתנו שם, ו). ובתיב"ע בב' המקומות „כד חי".

4) ראי"ש — הובא בטור יו"ד סו"ס קיג. רא"ה — הובא בב"י שם. דיעה הב' שו"ע שם סט"ז. ועוד (ראה אנציקלופדי' תלמודית ע' בשולי גוים (ע' תרעג), וש"נ).

5) פרש"י ע"ז לה, ב ד"ה והשלקות. ביצה טז, א ד"ה אין בהם. תוס' ע"ז לז, ב ד"ה והשלקות; לח, א ד"ה אלא. רמב"ם הל' מאכלות אסורות פי"ז ה"ט. ועוד. וראה לקמן בפנים סעיף ו.

6) ב"י שם (מהרא"ה הובא בתשובת הר"ן).

7) ב"י שם. וראה הנסמן באנציקלופדי' שם.

8) לשון הרשב"א — הובא בב"י שם.

9) סוכה יד, ב. רמב"ם הל' סוכה פ"ה ה"ז. טושו"ע (ודאדה"ז) או"ח סתרכ"ט סי"ח (ס"ל).

10) כ"ה ברמב"ם, טושו"ע ודאדה"ז שם. וברש"י סוכה שם (ד"ה הפכן) „שהוא פחות מג"". וראה מהרש"א שם.

11) רש"י שם ד"ה פסולה.

12) צפע"נ לרמב"ם הל' חמץ ומצה פ"ו ה"ב.

13) ש„נועצה עשרה פעמים בקרקע" — וזה מהני (לא רק להעביר השמנונית שעל הסכין — ראה רש"י ע"ז שם ד"ה שאין. תוד"ה אמר שם. ועוד — כ"א) גם למה שבלוע תוך קליפת הסכין מצד דוחקא דסכינא (ר"ן למשנה ע"ז עה, ב); שלכן מהני נעיצה בקרקע גם לדבר חריף (טור יו"ד סו"ס קכא ובב"י שם ד"ה ומה שכתב) שאוסר כדי נטילה (שו"ע יו"ד ר"ס צו. וראה ש"ך שם סק"ב. שו"ע אדה"ז או"ח סתמ"ז סנ"ט). וראה גם מהרש"א סוף ע"ז. וראה הערה הבאה.